בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די
זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א,
שבת קודש פרשת קרח, שנת תשפ"א
לפרט קטן, אין וויליאמסבורג יע"א

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

## שבת קודש פרשת קרח, מברכים חודש תמוז, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט ספר הקדוש שיחות הר"ן, סימן ו.

## דער ראש ישיבה שליט"א האט עס פארגעלערנט אינעווייניג און הערליך אויסגעטייטשט:

דער רבי זאגט: "הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי־אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", דער יצר הרע איז צוגעגליכן צו א מענטש וואס לויפט צווישן מענטשן מיט א פארמאכטע האנט, ער פאפט אויס אלעמען און פרעגט זיי: "וואס האב איך אין מיין האנט?" פאר יעדן איינעם דאכט זיך אז ער האט אין זיין האנט דאס וואס ער וויל, דעריבער לויפן אים אלע נאך ווייל מען מיינט אז מען וועט באקומען די זאך וואס מען וויל, "וְאַחַר־כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", אבער ביים ענדע עפנט ער זיין האנט און מען זעט אז עס איז גארנישט דא דארט, אזוי אויך - זאגט דער רבי - איז מיט'ן יצר הרע, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", ער רעדט איין א מענטש אז ער זאל אים נאכלויפן ווייל אזוי וועט ער באקומען אלע זיינע תאוות, אבער ביים סוף ווען דער מענטש גייט אוועק פון די וועלט, עפנט ער זיין האנט און מען דערזעט זיך אינגאנצן אפגעפאטשט נאכדעם וואס מען איז אים נאכגעלאפן א גאנץ לעבן אומזיסט.

עס איז אזוי ווי דער שפיל וואס קינדער שפילן זיך, איינער פארמאכט זיין האנט און רייצט אן אלע אנדערע קינדער זאגענדיג: 'איך האב עפעס אין מיין האנט', אלע קינדער ווערן זייער נייגעריג צו וויסן וואס ליגט אין זיין האנט, פרובירן זיי צו עפענען זיין האנט א לענגערע צייט, און ביים ענדע עפנט ער זיין האנט און מען זעט אז עס איז גארנישט דא דארט, מען איז אים אומזיסט נאכגעלאפן אזא לאנגע צייט.

## מיט וואס גיי איך אהיים?

מוהרא"ש זאגט אז דער שיחה פון רבי'ן גייט ארויף בכלליות אויף אלע תאוות און בפרטיות אויף דעם וואס א מענטש לויפט נאך א מנהיג, א רבי וכו'; דער רבי לויפט ארום מיט א פארמאכטע האנט און אלע חסידים לויפן אים נאך, יעדער מיינט אז ער האט עפעס, ביז עס קומט דעם לעצטן טאג פון לעבן עפנט דער מנהיג זיינע הענט און מען זעט ליידיגע הענט השם ירחם; ווען מען גייט צו א רבי טאר מען זיך נישט לאזן נארן, דער עיקר דארף מען קוקן וואס געבט מיר דער רבי אין מיינע הענט? מיט וואס גיי איך אהיים? אויב דער רבי איז מיר מזכה מיט תורה, ער ברענגט אריין אין מיר אמונה ברורה ומזוככת, איך הייב אן שפירן ווי אלעס איז דער אייבערשטער' - דעמאלט איז גוט, אבער סתם גיין צו א רבי וואס געבט מיר גארנישט איז נישט ריכטיג.

דאס איז נישט נאר געזאגט געווארן ביי פאלשע מנהיגים, וואס זענען נישט קיין ערליכע אידן השם ישמרינו, נאר אפילו ביי אמת'ע מנהיגים, ערליכע אידן, אבער אויב באקום איך גארנישט אין מיין לעבן, גארנישט

טוישט זיך ביי מיר, פארוואס זאל איך גיין צו אים? אמת אז ער איז אן ערליכער איד, ער איז גאר דערהויבן און הייליג אבער איך דארף דאך טראכטן פון מיר, ווער קען מיר מזכה זיין מיט תורה, תפלה און יראת שמים?!

## יעדער האט צוריק גענומען זיין שטעקן

אין די וואכעדיגע סדרה (במדבר יז, טז-כד) שטייט די מעשה אז די אידן האבן נאכנישט געגלייבט אז שבט לוי איז געווארן אויסדערוועלט צו באדינען דעם אייבערשטן, האט דער אייבערשטער געהייסן יעדע שבט זאל ברענגען א שטעקן און אריינשרייבן זיין נאמען אויף זיין שטעקן, און משה רבינו זאל עס אוועק לייגן אין קודש הקדשים, און דער שבט וואס זיין שטעקן וועט בליען וועט זיין א באוויז אז זיי זענען געווארן אויסדערוועלט צו באדינען דעם אייבערשטן, דערציילט די תורה אז די אידן האבן אזוי געטון, אלע נשיאים האבן געברענגט זייערע שטעקענעס און משה רבינו האט עס אוועק געלייגט אין קודש הקדשים, צומארגנס איז מען אויפגעשטאנען און געגאנגען קוקן וועלכע שטעקן האט געבליעט, האט מען געזען אז אהרן הכהן׳ס שטעקן האט געבליעט, עס איז ארויסגעוואקסן א בלום און מאנדלען, האט משה ארויסגעצויגן אלע שטעקענעס פון קודש הקדשים און זיי צוריק געברענגט פאר די אידישע קינדער און זיי האבן געזען וואס האט פאסירט מיט אהרן׳ס שטעקן, פירט דער פסוק אויס (במדבר יז, כד): ״וַיִּקְחוּ אִישׁ מַטֵּהוּ״, יעדער מאן האט צוריק גענומען זיין שטעקן.

פלעגט מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פרעגן די קשיא, די אידן האבן דאך שוין קלאר געזען ווי זייער שטעקן טויגט צו גארנישט, עס איז סתם א טריקענע שטעקן און פון דעסט וועגן האבן זיי ווייטער איבער געלאזט אהרן הכהן'ס וואונדערליכער שטעקן און צוריק גענומען זייער שטעקן?! זיי וואלטן דאך געדארפט נעמען זייער שטעקן און עס צעברעכן אויף פיצלעך און אוועקווארפן אין די מיסט?! נאר - זאגט מוהרא"ש - פון דעם זעט מען, אפילו נאכדעם וואס א מענטש זעט שוין אפענע באוויזן איבער דאס גרויסקייט פונעם אמת'ן צדיק, דארף ער נאך אלץ סייעתא דשמיא ער זאל אוועק ווארפן זיינע דמיונות, ער זאל אפלאזן זיין פאלשע אמונה אינעם טריקענעם שטעקן וואס האט נישט קיין שום כח, און זיך אנצוכאפן אינעם שטעקן וואס בליעט, ער זאל גיין צום אמת'ער מנהיג וואס קען ארויס געבן שיינע פירות, אים איבער צו דרייען צום גוטן; דאס איז זייער א גרויסע נסיון ביי א מענטש, אפילו ער זעט שוין א קלארע צייכן ווער עס איז דער אמת'ער צדיק - דאך בלייבט ער נאכאלץ פיל מיט ספיקות און דמיונות אפשר לוינט זיך צו בלייבן ביי דעם טריקענעם שטעקן וואס קען נישט ארויסגעבן קיין פירות...

## סחורה אין די האנט

ברוך השם ווער עס איז זוכה מקורב ווערן אין היכל הקודש ביים הייליגן רבי'ן - באקומט סחורה אין די האנט; מען באקומט 'חומש', מען הייבט אן מעביר סדרה זיין די פרשה יעדע וואך שנים מקרא ואחד תרגום, מען באקומט 'משניות', מען באקומט 'גמרא' וכו' וכו'; מיר האבן דעם פרייטאג זוכה געווען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צו ענדיגן 'ששה סדרי תוספתא' און היינט האבן מיר נאכאמאל אנגעהויבן פון אנהייב.

עס זענען ליידער דא מענטשן וואס גייט זיי אריבער די גאנצע זיבעציג יאר אנדעם וואס זיי זאלן זוכה זיין אפילו איין מאל ענדיגן תוספתא, זייי גיען אוועק פון די וועלט אפילו נישט קענענדיג בלויז די נעמען פון אלע חז״ל, זיי ווייסן נישט וואס דער ספר ׳תוספתא׳ באדייט, וואס איז דאס? און געוויסע מענטשן זענען נאכמער אומוויסנד אז אפילו וואס ׳משניות׳ איז ווייסט ער אויך נישט...

## העלף מיר איך זאל טרעפן די פראדוקט

ביים רבי׳ן באקומט מען ׳התבודדות׳; דער רבי לערנט אונז אויס מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן אויף אונזער פשוט׳ע שפראך, יעדע זאך וואס מען דארף, צום ביישפיל, ווען דו גייסט אין גראסערי און דו זוכט א געוויסע פראדוקט, בעט דעם אייבערשטן: **״הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל טרעפן דעם פראדוקט״**, און ווען דער אייבערשטער האט געהאלפן אז דו האסט עס געטראפן דאנק דעם אייבערשטן: **״יישר כח אייבערשטער אז איך האב עס שוין געטראפן״.**

## כאפט מיר אן און לייגט מיר ארויף

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל בלייבן פריש ביים רבי׳ן, מען זאל האבן דעם זעלבן ברען וואס מען האט געהאט אין אנהייב ווען מען איז מקורב געווארן צום רבי׳ן; איך האב זייער ליב די פרישע מקורבים, זיי זענען זייער פריש און האבן א מורא׳דיגע חיות און ברען ביים רבי׳ן. איך גערענק נאך מיין ערשטע ראש השנה אין אומאן, איך

האב געהאט א מורא׳דיגע פלאקער צו זיין ביים רבי׳ן, דעמאלט האב איך געהאט גאר שווערע מניעות פון משפחה וכו׳ מען האט מיר פרובירט אויף אלע וועגן צוריק צו האלטן פון זיין ראש השנה אין אומאן, האב איך מורא געהאט אפשר וועל איך נישט קענען איבער טראגן די מניעות און איך וועל זיך ברעכן די לעצטע מינוט און צוריק אהיים קומען אויף ראש השנה, דערפאר האב איך אין לופטפעלד געבעטן פון צוויי חברים: **"כאפט מיר אן און לייגט מיר ארויף אויפ׳ן פליגער אפילו איך וועל זאגן אז איך וויל נישט"...**

## קאווע אן צוקער

איך בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג אז איך זאל שטענדיג האבן די זעלבע פרישקייט וואס איך האב געהאט ווען איך בין געקומען דעם ערשטן מאל צום רבי׳ן, איך זאל נישט קומען צום רבי׳ן נאר ווייל פאר עטליכע יאר צוריק האב איך געוואלט זיין אן ערליכער איד, דערפאר בין איך אנגעקומען צום רבי׳ן, און היינט בין איך פשוט שוין איינגעגלידערט אין היכל הקודש, איך פיל זיך שוין דא היימיש און באקוועם, איך האב שוין דא מיינע חברים, איך האב זיך שוין צוגעוואוינט צו טרינקען קאווע אן צוקער (אין ישיבה איז דא קאווע אן צוקער), מיין טלית בייטל ליגט שוין דא אין שאנק, דערפאר קום איך צום רבי׳ן... דאס איז זייער נישט גוט, בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל שטענדיג וויסן פארוואס איך קום צום רבי׳ן, איך זאל זיך קענען שטארקן און דינען דעם אייבערשטן מיט א חיות און געשמאק".**

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.